Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראשען (טאבעלע פון דער מלוכה־לאטעריע זעה זייט 10, 11) היינט 12 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 241 | Łódź, Niedziela, 21 Października 1934 r. | צוועלפטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, י"ב מרחשון תרצ"ה | № 241 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# 7 אייראפעאישע מלוכות

## געשראסען אנ'אפמאר וועגען איינהאלטען די גאלד־וואלוטע

### פוילען, בעלגיען, פראנקרייך, האלאנד, שווייץ, איטאליען און לוקסענבורג פאר'ן גאלדענעם בלאק

ב ר י ס ע ל, 20 (ספ. טעל.)

אין רעזולטאט פון צוויי טאגיגע בעראטונגען, וואס זענען פארגעקומען אין בריסעל, איז היינט אווענד אונטערגעשריבען געווארען דער אפמאך פון אלע מלוכות פון אזוי־גערופענעם גאלדענעם בלאק. דעם אפמאך האבען אונטערגעשריבען די פארשטעהער פון די מלוכות: פוילען, בעלגיען, פראנקרייך, האלאנד, שווייץ, איטאליען און לוקסעמבורג.

לויט דעם פראטאקאל דריקען אויס די אלע מלוכות זייער ווילען ווייטער איינצוהאלטען די גאלד וואלוטע אויפ'ן פרינציפ פון ביזאיטיגען פאריטעט. עס איז אנערקענט געווארען פאר געווינשען צו פערגרעסערען די געגענזייטיגע האנדעלס־אומזאצען אויף 10 פראצענט, נעמענדיג אלס יסוד די צייט פון 1. יולי 1933 ביז'ן 30. יוני 1934.

אינ'ם נאמען פון דער פוילישער רעגירונג האט דעם פראטאקאל אונטערגעשריבען מיניסטער מילשטיין.

## אין שרעק פאר א הונגער־ווינטער

### גרייט מען אן אין דייטשלאנד ארטיקלען פון ערשטען געברויך

מ י נ כ ע ן, 20. (ספ.) די בעפעלקערונג קויפט איין פיבערהאפט אלע בעהאלט ארטיקלען פון ערשטען געברויך. דאס איינקויפען פאדעם, פעטס, זייף, קאלאניאלע ארטיקלען און טעקסטיל־אוצאר־בייטונגען האט אנגענומען מוראדיגע פארמען. די רעגירונג און די ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס בעמיהען זיך צו בערוהיגען די בעפעלקערונג, מיט רעפעראטען און דורך דער פרעסע פרובט מען ווי־דער קעגען געגען דער מהומה, אבער אהן רעזולטאט.

## געזעץ וועגען נאוועליזירען דעם אוסטאוו פון געזעלשאפטליכער פערזיכערונג

### זאל פערעפענטליכט ווערען סוף חודש

ו א ר ש א, 20 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט).

עס איז פארגעקומען א זיצונג פון מיניסטער־ראט־קאבינעט. די זיצונג האט געדויערט 9 שעה. עס זענען אנגענומען געווארען א גאנצע רייה געזעץ־פראיעקטען פאר'ן מלוכה־פרעזידענט.

4 פראיעקטען זענען נוגע די הלוואות פון דער לאנדווירטשאפט, נעמליך: וועגען קאנווערסיע פון די קרעדיטען פאר די אגראריער, וועגען קרעדיט־הנחות א. א. עס זענען אויך איבערדיסקוטירט געווארען די פראיעקטען פון די פערארדנונגען וועגען נאוועליזירען דעם אוסטאוו מכח דער געזעלשאפטליכער פערזיכערונג און וועגען צוזאמענגיסען דעם ארבייטס־פאנר. די דעקרעטען וועלען פערעפענטליכט ווערען ביז'ן 31. ד. ח.

## מערקווירדיגע דעמאנסטראציע לטובת טעלמאנען

ל א נ ד א ן, 20 (ספ. טעל.)

בעת א פארשטעלונג אין קינא „פאווילאן" אין לאנדאן האט אויפ'ן עקראן פלוצלינג זיך בעוויזען פאלגענדע אויפשריפט: „בעפרייט טעלמאנען פון די פאשיסטישע רוצחים. נידער מיט מאסליין און מיט די פאשיסטען". די אויפשריפט איז תיכף פערשוואונדען. מען איז זיך משער, אז איינער פון די קינא־בעזוכער האט מיטגעבראכט א קליינעם פראזשעקטאר, מיט וועלכען ער האט געווארפען אויפ'ן עקראן די דאזיגע אויפשריפט. קיינער איז נישט געכאפט געווארען.

## גערינג'ס ראפארט פאר היטלער'ן

ב ע ר ל י ן, 20 (ספ. טעל.)

אפיציעל ווערט מיטגעטיילט, אז דירעקט נאך זיין צוריקקומען קיין בערלין, האט פרעמיער גערינג בעזוכט היטלערן און איהם אפגעגעבען א בעריכט וועגען זיין בעזוך אין בעלגראד.

## אויספלוגען נאך פאלעסטינא

גרופענווייז — און — אינדיווידועל

ארגאניזירט די פויליש־פאלעסטינישע האנדעלס־קאמער אפטיילונג אין לאדז. אינפארמאציעס: פיעטריקאווער 113

Dr. Z. Henrykowski

ספעציאל־ארצט פאר ווענערישע הויט־קראנקהייטען און מענער־שוואכע

האט זיך איבערגעצויגען אויף פיעטריקאווער 86

טעל. 143-63

נעהמט אן פון 8—11 און פון 6—9 אווענד.

פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע זאל. פאר אונבעמיטעלטע לעמשניצע־פרייזען.

Dr Wajnberg

ספעצ. פון לונגע, הארץ און סקרפולאז־קראנקהייטען

וואוינט יעצט פיעטריקאווער 145

טעל. 126-02

נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—5, 8—9 אוו.

פון 25־טען אקטאבער ביז'ן 10־טען נאוועמבער ד. י. ביליגע הערבסט־אויספלוגען

נאך מאסקווע, לענינגראד, כארקאוו און קיעוו

194 זל. Intourist 194 זל.

אינפארמאציעס און איינשרייבונגען:

„ORBIS" (wszystkie oddziały) „FRANCOPOL", Warszawa, Mazowiecka 9 i „WAGONS LITS COOK"

די ערשטע קוועלע פון

רעשטען

אויף פאלטענס און אנציגער

פון די בעסטע ביליצער און מאמאשא־ווער סחורות, די מאדערנסטע מוסטערן, אין א גרויסען אויסוואהל, בעקומט מען נאר ביי

R. Szczęśliwy

לאדז, 5 נאוואמיעסקא 5

טעל. 156-09

נעדענקט. פראנט 2 שטאק.

דער פאמיליע נייטאן דריקען מיר אויס אונזער טיפען צער צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון אונזער לאנג־יעהריגען מיטארבייטער

### אברהם נייטאן נ"ע

מיר פערלירען אין איהם א טרייען מיטארבייטער, וועלכער זיין אנדענקען בלייבט ביי אונז נישט־פערגעסען.

צו דער לוי', וועלכע קומט פאר היינט, זונטאג, 11.30 פריה פון מהרה־הויז, ווערען אלע פריינד און בעקאנטע געבעטען אפצוגעבען דעם נפטר דעם לעצטען כבוד.

פירמא געבר. ציטרין

וואלבארסקא 44.

דעם טיפטטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פערוואלטונגס־מיטגליד און מתפלל ה' משה בולווא צוליב'ן טויט פון זיין פאטער נ"ע

זייט געטרייסט מיט די טראדיציאנעלע ווערטער: המקום ינחם אותך בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג און מתפללים פון דער חברה „נר תמיד" לאדז.

נאך קורצע שווערע ליידען איז געשטארבען מיין ליבער מאן, אונזער נישט־פערגעסענער פאטער, זוהן, ברודער, שוויגער־זוהן, שוואגער און אנקעל

### אברהם עזריעל נייטאן נ"ע

ב"ר חיים צבי ז"ל

געוואוינט זאכארניא 54. איז עלטער פון 39 יאהר.

די לוי' קומט פאר היינט, זונטאג, ד. 21 אקטאבער 1934 11.30 פריה פון מהרה־הויז, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע פאמיליע.

צום פריהצייטיגען טויט פון טרייען מיטארבייטער און טרייער נישט־פערגעסענער חבר

### אברהם נייטאן נ"ע

דריקען מיר אויס דער פאמיליע אונזער אינערליכען מיטגעפיהל.

זאל איהם די ערד גרינג זיין!

זיין אנדענק פערבלייבט ביי אונז אויף עוויג.

פערסאנאל פון געבר. ציטרין.

